**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט די פארענדיגונג פון 102-יוניט עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט אין די פארדהאם געגנט פון די בראנקס

***סט. דשעימס טעראס נעמט אריין 51 דירות מיט סופארטיוו סערוויסעס פאר מענטשן וואס גייען דורך היימלאזיגקייט***

***נייע קאמיוניטי צענטער וועט צושטעלן אקטיוויטעטן און בילדונג סערוויסעס פאר קינדער און ערוואקסענע; נייע היים פאר וועכנטליכע עסן שאפע***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון סט. דשעימס טעראס, א נייע 64 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט נעבן די היסטארישע סט. דשעימס עפיסקאפעל קירכע מיט 102 אפארדעבל דירות, אריינגערעכנט 51 מיט אן-סייט סופארטיוו סערוויסעס פאר מענטשן וואס ליידן פון היימלאזיגקייט און א קאמיוניטי צענטער וואס וועט צושטעלן פארשידענע פראגראמען און א וועכנטליכע עסן שאפע. אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג פינאנצירט 14,000 אפארדעבל דירות אין די בראנקס. סט. דשעימס טעראס באמיט זיך ווייטער און געבט צו צו גאווארנער האקול'ס 25 ביליאן דאלאר פינף-יאר האוזינג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען דורכאויס די סטעיט.

"סט. דשעימס טעראס איז די פראדוקט פון א זארגנדע קאמיוניטי," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די קירכע אנערקענט די ווערד פון די ווייניג-באנוצטע פראפערטי און האט עס אויסגענוצט פאר די בעסטע באנוץ פאר אונזער מערסט וויכטיגע געברויך - שאפן נייע, אפארדעבל, סופארטיוו הייזער פאר די וואס נויטיגן זיך די מערסטע אין דעם, צוזאמענן מיט א קאמיוניטי איינריכטונג און היים פאר א עסן שאפע. מיר דאנקען סט. דשעימס עפיסקאפעל קירכע און אלע אונזערע פארטנערס פארן העלפן ברענגען שטארק נויטיגע וואוינונגען צו די בראנקס"

די ניין-שטאקיגע געביידע נעמט אריין א נייע, ערשטע שטאק קאמיוניטי איינריכטונג וואס וועט צושטעלן א רייע פון סערוויסעס און פראגראמען וואס בענעפיטירט איינוואוינער און די קאמיוניטי, אריינגערעכנט א וועכנטליכע עסן שאפע און הייסע מאלצייט סערוויס, פינאנציעלע און וואוילזיין סעמינארן און א נאך-שולע פראגראם וואס וועט צושטעלן צולערנונג און עסן פאר שולע-עלטער קינדער אין די געגנט.

א שיינע הויף פארבינדט די קירכע און די וואוינונגס געביידע, און איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו א דאך טעראס, לאונדשעס, פיל-נוציגע צימערן, א וואש צימער, בייק-סטארעדש, עקסערסייז צימער און אפיס און סאציאלע סערוויס פלאץ פארן באנוץ דורך זארג פאר אומאפהענגיגע וואוינונג'ס סאציאלע סערוויס שטאב.

סטעיט פינאנצירונג נעמט אריין 28 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע און סטעיט נידריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס(Low-Income Housing Tax Credits), 10.6 מיליאן דאלאר אין סובסידי פון HCR און 6 מיליאן דאלאר פון HCR'ס אפיס פון שטאנדהאפטיגע הייזער און קאמיוניטיס אפארדעבל האוזינג פאנד פראגראם ( Office of Resilient Homes and Communities Affordable Housing Fund Program), וועלכע איז אויסגעשטעלט געווארן צו פארמערן די סופליי פון אפארדעבל האוזינג אין געגנטער וואס זענען ווייניגער אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען. די פראיעקט האט באקומען $433,000 אין פראגראם אנטווילונג פינאנצירונג פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט. די ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף שטעלט צו 4.9 מיליאן דאלאר דורך די היימלאזע האוזינג און הילף פראגרא קאנטראקט צוצושטעלן קאפיטאל סובסידי פאר די אנטוויקלונג פון סט. דשעימס טעראס'ס אנהאלטנדע סופארטיוו האוזינג. קאנסערן האוזינג האט געפירט די אנטווילונג שטאב.

די סופארטיוו דירות זענען עפארדעבל פאר מענטשן מיט איינקונפט מיט אדער ווייניגער ווי 50 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם און בענעפיטירט פון עמפייער סטעיט סופארטיוו האוזינג איניציאטיוו אווארדס וואס ווערן צוגעשטעלן דורך OMH. סופארט סערוויסעס, צוגעשטעלט דורך זארג פאר אומאפהענגיגע וואוינענדע, נעמען אריין קעיס מענעדשמענט, קעיר קאארדינאציע, זיך אליין אן עצה געבן און גייסטיגע געזונט שטיצע. רעפערעלס פאר סופארטיוו האוזינג ווערן צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סיטי אפטיילונג פון היימלאזע סערוויסעס און לאקאלע שפיטעלער און געזונטהייט הייזער. דערצו, בענעפיטירט די דעוועלאפמענט פון א היימלאזע האוזינג הילף פראגראם קאנטראקט צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע און דיסאביליטיס הילף.

**ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונג קאמישענער רוטאנא וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "סט. דשעימס טעראס ברענגט נישט נאר מער ווי 100 הייזער צו די געגנט, נאר עס ערמעגליכט אויך די קירכע און אנדערע ארגאניזאציעס צו פארברייטערן סערוויסעס צו קינדער און ערוואקסענע און שטעלט צו א סאלידע באזע פון שטיצע פאר די גאנצע קאמיוניטי. די 64 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג באצייכנט אונזער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די בראנקס וואס נעמט אריין סיי האוזינג און נייע קאמיוניטי צענטער וואס וועט צושטעלן א עסן שאפע און הייסע מאלצייט סערוויס - שאפנדיג א באדייטפולע אנטוויקלונג וואס וועט בענעפיטירן די געגנט פאר די קומענדיגע יארן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטל העלט קאמישאנער דר. אנן. סאליוואן האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג שפילט א וויכטיגע ראלע אין אונזערע באמיאונגען צו פארזיכערן אז ניו יארקער וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייטן האבן א סטאבילע פלאץ צו רופן זייער היים. סט. דשעימס טעראס וועט צושטעלן א הערליכע נייע וואוינארט און לעבנס-טוישנדע סערוויסעס וואס וועלן העלפן מענטשן לעבן און בליען אין די פארדהאם געגנט אין די בראנקס. די פראיעקט, אזוויי פילע אנדערע סופארטיוו האוזינג פראיעקט וואס שטעלן זיך אוועק מיט סטעיט פינאנצירונג, באווייזט גאווערנער האקול'ס שטארקע איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע, צוגענגליכע הויזינג."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישענער בארבארע ס. גווין האט געזאגט,** "די עפענונג פון סט. דשעימס טעראס שטעלט צו געוועזענע היימלאזע מענטשן מיט שטארק נויטיגע זיכערע אפארדעבל האוזינג און גרינגע צוטריט צו וויכטיגע שטיצע סערוויסעס וואס זיי דארפן אויפצובויען און אנהאלטן סטאבילע לעבנס. מיר זענען דאנקבאר צו גאווארנער האקול פארן אנערקענען די כח פון סופארטיוו האוזינג צו טראנספארמירן די לעבנס פון אונזער מערסט שוואכע ניו יארקערס און צו זארגנדע האוזינג און אלע פון די סטעיט און לאקאלע פארטנערס וואס האבן געשטיצט די פראיעקט."

**סטעיט סענאטאר גוסטאווא ריווערא האט געזאגט,** "איך לויב אויס די עפענונג פון סט. דשעימס טעראס אין די בראנקס וועלכע וועט צושטעלן פאמיליעס מיט אן אפארדעבל פלאץ צו לעבן צוזאמענן מיט

די שטיצנדע סערוויסעס וואס זיי דארפן צו דערגרייכן לאנג-אנהאלטנדע סטאביליטעט. עס איז וויכטיג אז מיר זאלן ווייטער פריאריטיזירן אפארדעבל האוזינג אין אונזער שטאט."

**אסעמבלימיטגליד יודעלקא טאפיא האט געזאגט,** "מיר דארפן נישט נאר אפארדעבל האוזינג; מיר דארפן אפארדעבל און סופארטיוו האוזינג וואס וועט ערמעגליכן אירע איינוואוינער זיך צוריקצושטעלן אויף זייערע פיס און צוריקבאקומען זייער אומאפהענגיגקייט. סט. דשעימס טעראס וועט טון פונקט דאס. די פראיעקט שיקט א מעלדונג אז מיר זענען איבערגעגעבן צו אדרעסירן די היימלאזע קריזיס לענגאויס ניו יארק סיטי'ס פינף בארא'ס און עס טון אין א וועג וואס רוקן עפעס פאר די וואס זענען די מערסטע באטראפן."

**בראנקס בארא פרעזידענט וואנעסא גיבסאן האט געזאגט,** "אפארדעבל האוזינג איז וויכטיג צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס אין די בראנקס. די פארענדיגונג פון סט. דשעימס טעראס איז א באדייטנדע שריט פאראויס, צושטעלנדיג 102 נייע הייזער און וויכטיגע סערוויסעס פאר אונזער שוואכסטע איינוואוינער. איך וויל דאנקען גאווארנער האקול, סט. דשעימס עפיסקאפעל קירכע און יעדן איינעם וואס האט צוגעברענגט די פראיעקט צו א ווירקליכקייט."

**זארגנדע האוזינג עקזעקיוטיוו דירעקטאר ראלף פאסאנא האט געזאגט,** "סט. דשעימס טעראס שטייט נישט נאר פאר די שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט פון אלע וואס האבן דאס ערמעגליכט, נאר אויך פאר א ליכטיגערע צוקונפט פאר די מיטגלידער פון די קאמיוניטי וואס וועלן עס רופן זייער היים. ניו יארק סיטי נויטיגט זיך שטארק אין מער אפארדעבל און סופארטיוו האוזינג און מיר זענען דאנקבאר פאר אונזערע פארטנערס וואס האבן געהאלפן מאכן די מינוט א ווירקליכקייט. צושטעלן א סטאבילע פלאץ צו לעבן קעגן די ערליכע און היסטארישע הינטערגרונג איז א שטארקע שטאלץ פאר אונזער ארגאניזאציע."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די אקטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. דערצו, אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2023 אקטיוו בודזשעט, האט די גאווערנער געמאלדן א פינף-יאר, 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן, צו בויען און פרעזערווירן 100,000 צוגענגליכע היימען דורכאויס די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכע באפעלקערונגען, פלוס דדי עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 היימען. מער ווי 45,000 היימען זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודשעט פארשטערקערט אויך די פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם וועלכע די גאווערנער האט אנגעהויבן אין 2023. פרא-האוזינג סערטיפיקאציע איז יעצט א פארלאנג פאר לאקאליטיס צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין וואלונטירישע פינאנצירונג. ביז יעצט, זענען מער ווי 200 קאמיוניטיס געווארן בארעכטיגט, אריינגערעכנט די ניו יארק סיטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן